# די היַינטיקע מאַמע

באַגינען מיר טרעטן
אויף דעם זעלבן וועג
נאָר די יאָגט מיך איבער
אין מיידלשען געיעג.

די זעצט זיך
אַ שטאָלצע אויפֿן באַנק אין איר ברייט
די העלפֿט שאַפֿן די וואָפֿן
פֿאַרן לאַנד און דאָס ברויט.

די האָר שוין באַזילבערט
פֿון יאָרן און וויי
די זין אירע דינען
אין דער אַרמיי.

איר יאָסל אַ פֿליִער
אַ גרויסער העלד
און יאַנקל
געשיקט ערגעץ וויַיט אין דער וועלט.

זיצט די מאַמע
מיטן קאָשיק אין שויס
פֿון וואַנען אירע זין
זיַינען אַמאָל אַרויס.

איר פּנים אַ מאַסקע
די אויגן נאָר גליִען
ביַינאַכט אין דעם קישן
די טרערן זיי בריִען.

פֿאַררוקט האָט זי דאָרט
אירע טרוימען אויף שפּעטער
איצט מאָלט זיך איר לעבן
אויף נײַ פֿרישע בלעטער.

זי איז אַ גאָר וויכטיקער מענטש
אין אַ פֿאַבריק
זי אָפּערט מיט אַלץ
פֿאַר אַמעריקעס גליק.

זי שטעכט מיטן נאָדל
און קלאַפּט מיטן האַמער
און אָוונט זי איַילט זיך
אַהיים אין איר קאַמער.

אפֿשר אַ בריוו
אָדער צוויי וועלן קומען
די אויגן דאַן לויכטן
ווי דערפֿרישטע בלומען.